בס"ד

# דברי תורה מרבינו ראש הישיבה מגור שליט"א

איבער געזעצט אויף אידיש

מוצאי יום כיפור
תשפ"א לפ"ק

יו"ל ערב יום כיפור תשפ"ב



# פרנס החודש
## חודש תשרי

**נתנדב לזכר נשמת**
**רבינו הפני מנחם זי"ע**

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**די** גמרא זאגט (יומא ט.) 'אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן מאי דכתיב (משלי י, כז) 'יראת ה' תוסיף ימים ושנות רשעים תקצרנה', יראת ה' תוסיף ימים - זה מקדש ראשון שעמד ארבע מאות ועשר שנים ולא שמשו בו אלא שמונה עשר כהנים גדולים, ושנות רשעים תקצרנה - זה מקדש שני שעמד ארבע מאות ועשרים שנה ושמשו בו יותר משלש מאות כהנים'. דער **מהרש"א** (חא"ג) מערקט אן דעם חילוק, אז פארוואס כאפט דער פסוק אן ביי די צדיקים דער לשון פון 'ימים' - יראת ה' תוסיף **ימים**, און ביי די רשעים כאפט דער פסוק אן דער לשון פון 'שנים' - ו**שנות** רשעים תקצרנה. און ער ערקלערט דער ענין, אז דער גמרא וויל דא מרמז זיין דאס וואס חז"ל זאגען (סוטה יג:) אז דער אייבערשטער איז 'ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום', דעריבער כאפט דער פסוק אן דווקא ביי די צדיקים דער לשון פון 'ימים'.

**און** מ'קען זאגען פשט מיט דעם וואס מיר זעהן אז אין יום כיפור איז דער גאנצע עבודת היום געווען דורכ'ן כהן גדול וואס ער איז אריין געגאנגען '**לפני** ולפנים', און דער גאנצע 'כפרה' פון די יודישע קינדער ווענדט זיך אין איהם, אבער פונדעסטוועגען איז געווען אזעלעכע סארט כהנים גדולים וואס ביי זיי איז געווען דער עיקר וואס זיי האבען זיך געשפירט גרויס און באקומען כבוד, און ביי זיי האט זיך דאס ארויס געוויזען מיט דעם וואס א גאנצע יאר זענען זיי געגאנגען אנגעטוהן מיט די אכט בגדים פונעם כהן גדול, און אלע האבען זיי געזעהן מיט זייער שיינקייט - שיינע יודען, און זיי האבען בעסער געמאכט זייערע 'לשכה' - בית פרהדרין (עי' יומא ח:), און די עבודה פון יוהכ"פ האט נישט ערפילט זייערע רצונות, ביי אזעלעכע סארט כהנים גדולים איז דער חשיבות געווען דער 'שנות' - דער 'משך' פון דער גאנצע יאר, און נישט דעם טאג פון יום כיפור אליינט, און אויף זיי איז געזאגט געווארען דעם פסוק 'שנות רשעים תקצרנה'.

**אבער** די יראי ה', די כשר'ע כהנים גדולים, ביי זיי איז דער פונקט פון זייערע לעבען געווען צו צוקומען צו דעם 'היום הזה יכפר עליכם', און א גאנץ יאר איז זייערע הכנה געווען צו דער

'אחת בשנה' - יום כיפור, און דעריבער שטייט ביי זיי 'תוסיף ימים'.

**און** אזוי דארף זיין אונזערע געפיהל ווען מען קומט צו יום הכיפורים, מיר דארפען נישט נאר ווארטען אז בעזרת ה' וועט דער אייבערשטער אונז געבען ישועות און נחמות און גשמיות'דיגע השפעות, נאר מיר דארפען אריין קלערען און אריין טראכטען אויף דער עיצומו של יום פון יום כיפור, וואס אויף דעם שטייט אין פסוק 'ימים יצרו ולו אחד בהם', א גאנץ יאר שטייט מען און מעןווארט אויף דעם געוויסען טאג, יום כיפור איז א טאג וואס מ'דערנענטערען זיך צום רבונו של עולם, און מ'דארף אויסנוצען די 'קדושת היום' אזוי וויא ס'דארף צו זיין. דער אייבערשטער זאל העלפען אז מיר זאלען זוכה זיין צו א גמר חתימה טובה מיט אלע גוטע השפעות.

✻

**אמאל** איז געווען א מעשה ביי הרה"ק **רבי מאיר מפרימישלאן זי"ע**, אז ס'געווען א גביר וואס האט שטענדיג געזיכט צו קויפען פאר גאר טייער די זכיה צו האבען יום כיפור די עליה פון מפטיר יונה, האט איהם איינמאל רבי מאיר'ל געפרעגט צו ווייסט ער דען וואס איז די גרויסע חשיבות פון די הפטרה, האט איהם יענע געענטפערט אז די סיבה דערפון איז ווייל אין ספר יונה שטייט די גרויסקייט און די 'מעלה' פון תשובה אז ס'איז מבטל אלע שלעכטע גזירות, אזוי וויא מ'טרעפט דארט אז אנשי נינוה האבען תשובה געטוהן און ס'איז אנגענומען געווארען, 'וינחם האלקים על הרעה אשר דיבר לעשות להם'. האט רבי מאיר'ל פון פרימישלאן זי"ע איהם געזאגט אז נישט דאס איז דער טעם, נאר דער עיקר מעלה פון מפטיר יונה איז, דאס וואס שטייט דארט אין פסוק 'מה לך נרדם קום קרא אל אלקיך אולי יתעשת האלקים לנו ולא נאבד', דאס איז די שפיץ און דער וויכסטיגע פונקט וואס מען ליינט בשעת מנחה און פאר נעילה 'מה לך נרדם' - זעך דערוועקען - להתעורר.

**מיר** שטייען שוין יעצט טאקע נאך נעילה, אבער מיר דארפען וויסען אז צומארגנ'ס פון יום כיפורים איז דא א 'השכמה' און מען שטייט אויף פריה צו גיין אין שול אריין, אזוי וויא די פוסקים ברענגען אראפ, און ס'שטייט פון דער בעש"ט זי"ע אז דעם טאג פון צומארגנ'ס יום כיפור ווערט אנגערופען 'גאט'ס נאמען', און חוץ פון די גרינדליכע פשט דערפון אז אין דעם טאג דארף מען

אויפשטיין פריה צו גיין דאווענען, ליגט דא נאך א טיפקייט, אז מ'דארף זעהן אז די 'נפש' זאל זיך אויפוועקען, און נישט איינשלאפען אין דער 'תרדמת הנפש'.

**חז"ל** זאגען אז דער ערשטע טאג פון יו"ט סוכות איז 'ראשון לחשבון עוונות', ווייל אין די טעג צווישען יו"כ מיט סוכות איז מען דאך 'טרודים במצוות', זעהט מען פון דא אז מיר דארפען זיך טאקע אויפוועקען און זעהן אז דער גאנצע מענטש זאל זיין פארנומען מיט די מצוות, און ער זאל נישט ערשלאפען ווערען אין 'תרדמת הזמן', נאר ער זאל זעהן מקיים זיין די מצוות מיט א 'התעוררות הנפש' [און מיר טרעפען טאקע אז מ'איז מקיים א מצוה מיט'ן שלאפען אין סוכה, אזוי וויא ס'שטייט אין **שפת אמת** (סוכות תרנ"ג) אויפ'ן פסוק (תהלים קמט, ה) 'ירננו על משכבותם' - 'כי בסוכה אפילו בשינה מקיימים המצוה שאין כן בכל המצות'].

**איך** האב געזעהן אין א ספר אז ער איז זיך 'מסתפק' וואס וועט זיין די 'דין' ביי איינער וואס מאכט צוויי טעג יום כיפור (עי' רמ"א סוס"י תרכד ומג"א שם), צו דארף ער זאגעןביידע טעג 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' - בקול רם. ווי"ל מיט דאס וואס ס'איז באוואוסט אז ווען די פערד פון דער **בעש"ט זי"ע** האבען זיך אויפגעהויבען און געפלויגען אין די לופט מיט קפיצת הדרך, האבען די פערד אדער די ארומיגע געקענט מיינען אז דער פערד איז א מלאך, אבער ווען זיי זענען אנגעקומען צו די אכסניה און מ'האט זיי פארגעלייגט צו עסען - שטרוי, און די פערד האבען אריין געלייגט ראשם ורובם אינעם עסען, איז דעמאלט קלאר געווארען פאר אלע, אז דא איז פארהאנען בלויז פערד.

**אין** יום הכיפורים זאגען מיר טאקע 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' בקול רם, ווייל מיר זענען צוגעגליכען אזוי וויא מלאכים, אבער צומארגנ'ס פון יום הכיפורים ווען מ'גייט צוריק צום טעלער, דעמאלט ווערט אנטפלעקט דער אמת אז מיר זענען נאר מענטשען.

**אבער** אין יום כיפור ווען מען פאסט האבען אונז אין זיך עפעס פון די מדריגה פון א מלאך, ווייל ס'איז דא א קשר און א שייכות צווישען די עסען פון דער מענטש צו די דרגה פון א מלאך, אזוי וויא ס'שטייט אין נאמען פון **הרה"ק הרבי ר' ברוך ממעזיבוז זי"ע** אז דער ווארט 'מאכל' איז די זעלבע אותיות פון דער ווארט 'מלאך', וואס דאס מיינט צו זאגען, אז פון די כוונות אכילה פון די

צדיקים ווערן באשאפען מלאכים (עי' בוצינא דנהורא ערך אכילה אות ב, ועי' אוצר דרשות ח"א עמ' קמא).

**און** ס'איז באוואוסט דאס וואס חז"ל זאגען (עי' רש"י שבת כד. ד"ה ערבית) אז ביי א 'תענית' קען מען זאגען 'עננו' נאך פון אנהייב דעם תענית ווייל ער גייט פאסטען - טראצדעם וואס ער איז נאך אלץ נאכנישט הונגעריג, און מוצאי תענית - טראצדעם וואס ער האט נאכנישט געגעסען - טאר ער נישט זאגען 'עננו', און דער טעם דערפון איז ווייל ערווארט צו עסען. און אזוי אויך זאגען מיר נישט 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' בקול רם ביי מעריב פון מוצאי יום כיפור. און דעריבער דער וואס האט מקבל געווען אויף זיך צו האלטען נאך א טאג פון יום כיפור, האט א 'שייכות' צו דער בחינה פון א מלאך, און דערפאר אפילו אויב ער וועט זאגען 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' שטילערהייט, מיט דעם ווערט אנטפלעקט שם כבוד מלכותו.

**און** דאס ליגט אויף יעדער איינער צו טוהן, ממשיך צו זיין די הארות וואס ער האט באקומען פון 'יום כיפור', און דאס איז די הכנה צו אלע מצוות און מעשים טובים פון דער גאנצע יאר, אזוי וויא ס'שטייט אין **שפת אמת** (ליו"כ תרנ"א) אויפ'ן לשון פון דער פסוק (קהלת ט, ז) 'לך אכול בשמחה לחמך וגו' יינך כי **כבר** רצה האלקים את מעשיך' [און חז"ל (קה"ר שם) דרש'נען דאס אז ס'גייט ארויף אויף מוצאי יוה"כ], און ער איז מדייק וואס איז דאס דער לשון פון דאס ווארט 'כבר', נאר דער פשט דערפון איז אז דער אייבערשטער וואס ער זעהט די זאכען וואס גייען געשעהן - יודע עתידות, איז 'מצרף' די 'עבודת האדם' נאכ'ן 'כפרה', איהם צו פארגעבען בזכות דעם, און דאס איז פשט פון דאס וואס ס'שטייט 'כי כבר רצה' - אז די עבודת ה' - די תורה און מצוות וואס מ'טוהט בשמחה נאכ'ן כפרה, איז שוין געווארען אנגענומען ביי דער אייבערשטער.

**און** צוליב דעם ווען א מענטש איז מקיים תורה און מצוות נאך יום כיפור, זאל ער נישט שפירען נאר אזוי וויא איינער וואס צאלט אפ א חוב, וואס אין דעם 'זכות' זענען מיר ארויס 'זכאים בדין', און מיר ערפילען נאר דאס וואס מיר מוזען טוהן. און ס'איז דא אין דעם א מעלה, ווייל בדרך כלל ווען א מענטש איז מקיים א מצוה ווייסט ער נישט אויב ס'וועט אנגענומען ווערען, אבער די מצוות זענען שוין אנגענומען געווארען לרצון - כבר רצה האלקים את מעשיך.

אבער מיר דארפען טוהן די מצוות מיט א התעוררות און מיט אלע כוחות, און אויב ס'שטייט פון **צדיקים זי"ע** אז זיי האבען געזאגט אז די מצוה פון סוכה איז אזוי גרויס אז דער מענטש גייט אריין אין דעם מיט דער גאנצע גוף - מיט אלע רמ"ח איברים און שס"ה גידים, איז דאך די הכנה צו דער מצוה נאך אסאך גרעסער פון די מצוה אליינט, און מ'דארף דאס טוהן אין א אופן אז דער גאנצע מענטש זאל זיין באשעפטיגט אין דער מצוה, נישט נאר מיט די גוף און מיט די מעשה, נאר אויך דער קאפ זאל זיין פארנומען און באשעפטיגט מיט די מצוה, אזוי וויא דער **טאטע - כ"ק אאז"ל** (פני מנחם עשי"ת עמ' ריט) **האט געזאגט צו** די יונגעלייט וואס פארען אוועק און זענען זיך 'פורש' פון שטוב אויף עשרת ימי תשובה, אז זיי דארפען וויסען אז דער עיקר איז אז זיי זאלען זיך בודק זיין צו דער קאפ איז טאקע אינגאנצען אוועק פון שטוב, נישט איבערלאזען די קאפ און די מחשבות אין שטוב. און אין די טעג ליגט דער אויפגאבע אויף יעדער איינער צו טוהן מצוות מיט א השתוקקות און א שייכות צו די מצוות, און צו גיין 'מחיל אל חיל'.